# רביים, רבנים, חסידים, אפיקורסים און סוחרים

## רבי ר׳ פנחסל מגניבשוב

אין ספר פון הרב אהרון ולדין „הגדולים החדש״, געדרוקט אין יאָר 1823, ז כ״ט (29), ווערט געשריבן פאַלגנדעס:

„הרב מו״ה פנחס מגניבושוב, הרב הגדול המפורסם בישראל חסידא קדישא, צדיק יסוד עולם, נכד להגאון בעל־פנים־מאירות ז״ל, תלמיד מובהק של הרב הקדוש והטהור מו״ה אלימלך מליזענסק זצלה״ה, עמיתו וחבירו של הגאון קדוש ישראל המגיד מקוזשניץ זצ״ל וגם עליו האירו משמים להאיר על הארץ ללמד לבני ישראל את הדרך ילכו בה ולהשמיעם דברי אלקים חיים, והרב ח״ק מר ראובן מדזארנאָוויצא מביא משמו דבר תורה בספרו „דודאים בשדה״ עי״ש״.

וועגן רב פנחס מגניעוואַשאָוו שרייבט אויך אין „ספר אדמורים״ דער מחבר ר׳ יצחק אלפסי, אַז „הרב פנחס מגניעוואַשאָוו איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ד״.

אין ספר פון זיין אייניקל, הרב שלמה יהודה, רב אין וואָנוואָלניץ, אין ספר „שלחן שבת״, געדרוקט אין לובלין תרע״ג (1913) ווערט אַ סך געשריבן פון זיין זיידן הרב פנחס מגניעוואַשאָוו.

אין זעלבן ספר (ז׳ 10) אין דער הקדמה, דערמאָנט דער מחבר נאָך אַ רב. „שמעתי מפי מורי ביראת שמים, הרב החסיד המפורסם ר׳ משה מגניבושוב ז״ל וכו׳״. אויף זייט 14 דערמאָנט ער נאָך אַמאָל: „עוד שמעתי מפי הרב החסיד המפורסם, ר׳ משה זלה״ה מגניעוואַשאָוו״. אויך דערמאָנט ער דעם זון פון הרה״ק ר׳ פנחס ז״ל, הרה״ק ר׳ זלמן־ברוך.

צווישן די הסכמות פון די רבנים אויפן ספר „שולחן שבת״, עמוד ד׳ פון הרב יעקב אורנר דק״ק נאַשעלסק, שרייבט דער רב אַזוי: „גם אני אקח ספר אחד מן הרב המחבר שליט״א בל״נ במחיר אשר יושת עלי ומצוה גדולה לקרבו ולסעדו כי הוא נכד להרב הצדיק המפורסם הר׳ פנחס זי״ע מגניעוואַשאָוו ובנו הרה״צ המפורסם ר׳ זלמן־ברוך זצלה״ה״.



גניוושוב - ספר גניוושוב / ספר קהילה (עמוד 213) 34893 הודפס מאוצר החכמה

האָבן מיר דאָ פאָלגנדע רביים און רבנים:

1. הרב ר׳ פנחס מגניעוואַשאָוו און זיין זון.

2. הרב ר׳ זלמן־ברוך און זיין זון, דער מחבר פון ספר „שולחן שבת״.

3. הרב ר׳ שלמה־יהודה, רב אין וואָנוואָליץ ביז די ערשטע וועלט־קריג.

4. הרב ר׳ משה מגניעוואַשאָוו.

אין זעלבן ספר פון מחבר הרב אהרון ולדין „הגדולים החדש״, געפינען מיר אַלס רב אין גרעניץ דעם איידעם פון קאָזשעניצער מגיד: „הרב מו״ה אבי עזרה זעליק הרב הגדול צדיק וחסיד מפורסם אבד״ק גרעניץ, חתנו של המגיד הקדוש מקוזשניץ והוא אבי הג׳ החסיד מו״ה חיי׳ מאיר יחיאל ז״ל האבד״ק קוזשעניץ ומגליניצא ונח נפשיה שנת תקצ״ה תנצב״ה״.

איך גיב דאָ איבער וואָס כ׳האָב געהערט דערציילן (און נישט געפונען אין קיין שום ספר):

דער קאָזשעניצער מגיד איז אַ געוויסע צייט געווען רב אין גניעוואַשאָוו. אין זיין צייט האָט אין שטעטל געבושעוועט אַ מגיפה און פיל זענען געשטאָרבן. כדי אָפּצושטעלן די מגיפה האָט ער איינגעפירט, אַז ראש־השנה צו מעריב זאָלן אַלע יידן אין גניעוואַשאָוו קומען מיט טליתים דאַווענען, אַזוי ווי צו כל־נדרי אין יום־כיפור. און אַזוי איז עס געבליבן דער מנהג ביזן אומקום פון שטעטל גניעוואַשאָוו. דאַקעגן אין גרעניץ האָט מען נישט געדאַוונט אין די טליתים ראש־השנה ביינאַכט.

און נאָך האָב איך געהערט דערציילן: דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך געוואָלט משדך זיין מיט ר׳ פנחס מגניבשוב, נאָר ר׳ פנחס האָט נישט געוואָלט, ווייל ער האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס — אַן אייניקל פונעם ש״ך און פון בעל „פנים־מאירות״, בעת דעם קאָזשעניצער מגידס פאָטער איז געווען אַ פּראָסטער איינבינדער פון ספרים. ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער געזאָגט „כ׳פאַרהאָף צום רבש״ע, אַז פון היינט אָן וועט זיך דער יחוס אָנהייבן פון מיר״. אַזוי איז טאַקע געווען. די קאָזשעניצער דינאַסטיע האָט זיך אָנגעהויבן פון מגיד און זי ציט זיך ביז היינט. פון ר׳ פנחס פון גניעוואַשאָוו איז מער קיין רביים פון חסידים נישט געווען. עס זענען נאָר



גניוושוב - ספר גניוושוב / ספר קהילה (עמוד 214) 34893 הודפס מאוצר החכמה